## קאפיטל 13.

טאָמ האָט אָנגענומען א פעסטן באשלוס.

אפּן הארצן איז א׳מ געווען פינצטער און מאָרעשכוירעדיק. ער האָט זיך געפילט עלנט, פארלאָזט פון אלעמען, געפילט, אז קיינער האָט אימ ניט ליב. דערנאָך, אז מע וועט זיך דערוויסן, צו וואָס מע האָט אימ דערפירט, וועט מען עפשער כאראָטע האָבּן דערופּ... ער האָט דאָך געמיט ז״ך זײַן א ווילער, נאָר מע שטערט אימ און מע לאָזט אימ ניט. זיי דארפן דאָך נאָר פּאָטער ווערן פון אימ. איז וואָס? וועט ער אוועק, און זאָלן זיי אימ זידלען, וויפל ס׳גלוסט זיך זיי... פארוואָס טאקע זאָלן זיי ניט זידלען אימ? א ייִנגל, וואָס איז פון אלעמען פארלאָזט, האָט דען די רעכט צו באקלאָגן זיך? און סאָפקאָלסאָפ, מע האָט אימ געצווונ־גען ווערן א פארבּרעכער... קיין אנדער בּריירע האָט ער ניט.. פארטיפט אין אזוינע מאכשאָוועס, איז ער צוגעקומען צום עק פון דער לאָנקע. מיטאמאָל האָט זיך דערהערט דאָס קלינגערײַ פון שול־גלאָק, וואָס רופט צונויפ די שילער אפּ די נאָכוואָרמעס־לימודים. טאָמ האָט זיך צעוויינט, א טראכט געבּנדיק, אז שוין קיינמאָל, קיינמאָל מער וועט ער ניט הערן אָט דאָס גוט באקאנטע קלינגערײַ. שאָלעמ מאכן דערמיט איז שווער געווען, אָבער ס׳איז דאָך א מוז געווען; אז מע פארשטויסט אימ, מע לאָזט אימ איבּער אפּ העפקער אין דער קאלטער, אָנראכמאָנעסדיקער וועלט, דארפ מען זיך אונטערגעבּן; נאָר ער פארגיט זיי... — און ער האָט זיך נאָך שטארקער צעוויינט.

פונקט אין דער רעגע איז אימ אנטקעגן געקומען זײַן בּעסטער גוטער־בּרודער דזשאָ גארפּער. דאָס פּאָנעמ בּא דזשאָען איז איצט אויך פינצטער געווען, און אויך אין זײַן נעשאָמע האָט איצט, זעט אויס, געוועלטיקט א גרויסע, בּיטערע אנטשלאָסנקײַט. קלאָר,

זיי זײַנען איצט ביידע געווען „צוויי נעשאָמעס, וואָס זײַנען דורכגעדרונגען מיט איין און דעם זעלבן געדאנק". טאָם האָט אָפּגעווישט די טרערן מיטן ארבל און האָט גיך־גיך געמאָלדן דעם כאַווער וועגן זײַן באַשלוס אַוועקצוגיין פון דער היים, ווי מע באַגייט זיך מיט אים אַזוי שלעכט און ווי קיינער פילט אים ניט מיט, וועגן זײַן באַשלוס אַוועקצוגיין אַפּ שטענדיק, און קיינמאָל מער ניט אומקערן זיך. צום סאָף האָט ער געזאָגט, אַז ער איז זיכער, אַז דזשאָ וועט אים ניט פאַרגעסן.

נאָר ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז דזשאָ האָט נאָר־וואָס געוואָלט בעטן טאָקע וועגן דעם זעלבן באַ טאָמען, און געזוכט האָט ער אים מיט דעם זעלבן צוועק. די מאַמע זײַנע האָט אים אָנגעשמיסן דערפאַר, וואָס ער האָט קלאָמפּערשט אויפגעגעסן דאָס אײַנגע־מאַכטס, ביים ער האָט אפילע ניט געפּרוווט און אפילע ניט גע־ווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פונעם אײַנגעמאַכטס; קלאָר, ער איז איר נימעס געוואָרן, און זי וויל פּאָטער ווערן פון אים. אויב זי באַגייט זיך אַזוי מיט אים, בלײַבט אים איין זאַך: אויספילן איר ווילן; ער האָפט, אַז זי וועט גליקלעך זײַן און ס׳וועט איר קיינ־מאָל ניט באַנק טאָן, וואָס זי האָט פאַרשטויסן איר ייִנגל אין דער קאַלטער אַכזאָריעסדיקער וועלט, ווו ער וועט לײַדן און אומ־קומען.

די ייִנגלעך האָבן זיך טרויעריק אַוועקגעלאָזט ווײַטער גיין, אָפּריידנדיק אָנצונעמען זיך איינער פאַרן אנדערן, ווי ברידער, און קיינמאָל ניט צעשיידן זיך, ביז דער טויט וועט זיי ביידן ניט באַפרײַען פון זייערע לײדן. דערנאָך האָבן זיי גענומען פּלאַנעווען. דזשאָ האָט געוואָלט ווערן אַ מאָנאַך, לעבן אין אַ הייל, נערן זיך מיט טרוקענע שטיקלעך ברויט און שטאַרבן פון קעלט, נויט און אומגליק. נאָר נאָך דעם, ווי ער האָט אויסגעהערט טאָמען, האָט ער מסכּים געווען מיט אים, אַז דאָס פאַרברעכערישע לעבן

לוינס בעסער, ווי דאָס מאָנאכישע, אונ ער האָט באַשלאָסנ ווערנ א פּיראַט.

דרײַ מײַל די ווײַט פונ פּיטערסבורג, דאָרט ווו די ברייט פונ דער מיסיסיפּי דערגרייכט מער פונ א מײַל, איז פאראנ א לאנגער, שמאָלער, וואלדיקער אינדזל מיט א זאמדיקנ ברעג — אנ אויסגעצייכנט אָרט פאר א גאזלאָנים־היים. דער אינדזל איז וויסט, אונ ליגנ ליגט ער נאָענט צומ אקעגנדיקנ מיסיסיפּי־ברעג, וואָס איז באַוואקסנ מיט געדיכטנ, קימאט ניט באוווינטנ וואלד. אונדזערע העלדנ האָבנ, נאָכ עטלעכע רעגעס פונ מעיאשעוו זײַנ זיכ, אויסגעקליבנ אָט דעמ דאָזיקנ אינדזל — דעמ דזשעקסאָנ־אינדזל — פאר זייער רעזידענצ. ס'איז זיי ניט אײַנגעפאלנ צו פרעגנ בא זיכ, אפּ ווען ווענ זיי מאכנ זייערע פּיראַטישע אָנפאלנ. דערנאָכ האָבנ זיי אָפּגעזוכט העקלבערי פינענ, אונ יענער איז מיט גרויס כיישעק צוגעשטאנענ צו זיי; אימ איז אלצײנס געווענ, וואָס פאר א קאריער אויסצוקלײַבנ, ער האָט זיכ באצויגנ צו דעמ אינגאנצנ קאלטבלוטיק. זיי האָבנ זיכ צעשיידט, אָפּריידנדיק צו טרעפנ זיכ אפנ ברעג טײַכ, אינ אנ אָפּגעזונדערט אָרט, צוויי מײַל די ווײַט פונ דאָרף, אינ זייער באליבטער שאָ, ד. ה. אינ האלבנאכט. דאָרט איז געשטאנענ א קליינער הילצערנער פּליט, אונ זיי האָבנ באשלאָסנ ווערנ באלעבאטימ איבער אימ. אָפּגערעדט האָט מענ, אז יעדער איינער וועט פארכאפּנ מיט זיכ וועגטקעס אונ קריקלעכ, אונ אויכ שפּײַז, וואָס ס'וועט נאָר געלינגענ צו קריגנ, — אויב מעגלעכ, אפנ פארהוילנסטנ, סוידעסדיקסטנ אופנ, ווי ס'פּאסט פאר גאזלאָנים; אונ נאָכ ביז מיטאָג האָט יעדער איינער פונ די דרײַ באוויזנ צו פארשפּרייטנ צווישנ די כאוויירימ די וויכטיקע נײַס, אז אינגיכנ וועט מענ אינ שטאָט „וועגנ עפּעס דערהערנ". אלעמענ, וועמענ מ'האָט איבערגעגעבנ אָט די נעפּלדיקע אָנצוהערעניש, האָט מענ געבעטנ האלטנ עס בעסאָד אונ ווארטנ.

ארום האלבנאכט איז טאַם געקומען אפן אָפּגערעדטן אָרט מיט א שטיק געקאָכטן וווּרשט און מיט נאָך אביסל פּראָוויזיע און האָט זי אוועקגעלייגט אין די געדיכטע גראָזן אפן בערגל, פון וועלכן ס'האָט זיך אַנגעזען דאָס באַגעגעניש־אָרט. די נאכט איז געווען אַן אויסגעשטערנטע און זייער א שטילע. דער גרויסער טײַך איז געווען רויִק, ווי אַן אנשלאָפֿנ געוואָרענער אָקעאַן. טאָם האָט זיך אײַנגעהערט, — מ'הערט קיין איין קלאנג ניט. דאַן האָט ער שטיל, צעצויגן א פּײַפ געטאָן. פונעם וועלדל האָט מען אים אָפּגעענטפערט מיט א פּײַפ. טאָם האָט א פּײַפ געטאָן נאָך צוויי מאָל, און מע האָט אים ווידער מיט פּײַפן געענטפערט. דאַן האָט עמעצנס געענדערט קאָל א פרעג געטאָן.

— ווער גייט?

— טאָם סאָיער, דער שווארצער נעקאָמע־נעמער. רופט אָן אײַערע נעמען!

— העק פין — „די רויטע האנט", און דזשאָ גארפער — „די שרעק פון די יאמען"!

די דאָזיקע צונעמענישן האָט טאָם ארויסגענומען פון זײַנע באליבטע ראָמאנען.

— געמאכט, זאָגט דעם פּאראָל!

אין דער נאכט־שטילקייט האָבן צוויי קוילעס מיטאמאָל כריפּענדיק אויסגערופן:

— „בלוט!"

טאָם האָט א שלײַדער געטאָן פונעם בערגל זײַן שטיק וווּרשט און האָט זיך אליין אויך אראָפּגעקײַקלט נאָך אים. דערבײַ האָבן אביסל געליטן זײַנע אָנטאָן און די הויט אפן וווּרשט. פונעם בערגל האָט מען געקאָנט אראָפּלאָזן זיך צום ברעג מיט א זייער באקוועם שטעגל, נאָר אלס עמעסער גאזלען האָט טאָם אויסגעקליבן א געפערלעכן און שווערן וועג.